NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13259

LOVON HOARAMI

Moses Stavi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול-ביבליאטעק
№ 9

מ. סטאַווסקי

לבן הארמי

פאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
ווארשע

פאַרקירצט פאַר קינדער

געדרוקט אין 4000 עקז.

M. STAWSKI—LOW ON HOARAMI. Wyd. „KULTUR-LIGE“.
Warszawa, 1922

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

לָבָן הָאֲרַמִי

עס איז געווען אַ קאַלטער און אַ נאַסער נאָך־סוכּות. די הימלען זענען אויס פאַרוויינט, טריב און מוטנע. אַ דראַבנע רעגעלע קראַפּעט, זימזעט אַזוי שטיל, טאָג ווי נאַכט. קיינער געדענקט ניט, ווען ער האָט אָנגעהויבן און פרעג — גלויבט קיינער ניט, אַז ער זאָל אַמאָל אויפהערן.

קורצע, כמורנע און פאַרגענעצטע טעג. עס דערלעבט גאָר־ניט זיך אויסצולייטערן, איז שוין מנחה־צייט. דערנאָך איז הימל און ערד און פינסטערניש אין איין שטיק. און אַ בלאָ־טע, אַ וועג אַ מלאך־המות, קומט מען אַהיים מיט אַ גאַנץ פערד, מעג מען גומל בענטשן. פאַרט מען פרייטאָג ערגעץ פון אַ שטאָט אַרויס קאָן מען שוין זיכער זיין, אַז מ'וועט האַלטן שבת ערגעץ אין וועג, אין דעם ערשטן בעסטן דאָרף, וואָס גאָט וועט צושיקן. מקבל־שבת־זיין ביי אַ פויער אין אַ כאַטקע — אָפּדרייענדיק זיך מיטן פּנים פון דער איקאָנע מיט דעם רויטן לעמפל, און מאַכן קידוש אויף ברויט מיט מילך. אינדערהיים איז אַ פאַרשטערטער שבת, עס גייען אויס די כּוחות, מען דערלעבט שוין קוים דעם נאָך־הבדלה. —

אין גאַס כאַפּט מען זיך אָן אַ זייט, קלעטערט מען אויף

װענט, מען האַלט זיך אָן בײ אָן אָשאַק פון אַ פענסטער, אָן אַ פּלײט פון אַ גאָרטן, מען רײסט פון ערגעץ אָפּ אַ ברעטל, מ'זוכט אויף אַ שטײן, עס װערן קלאַדקעס, און מ'קומט אַדורך.

פאַר קלײנװאַרג איז דאָס אַ שפּיל. קנעטן זײ, טאַנצן אין דער בלאָטע, קריגן בלױע אָנגעשװאָלענע הענטלעך, נעז־לעך מיט אױערן, װי בוראַקעס. און אַז עס קומט שװער, מען קאָן די שטיװעלעך ניט אַרױסנעמען, הױבט מען אָן צו װײנען, און מ'װײנט אַזױ לאַנג, ביז עס גײט װער אַדורך, אָדער מען דערהערט װוּ אין אַ שטוב, קומט מען צו לױפן און מ'העלפט אַרױס.

אַ בעל־עגלה גײט בײם זײט לײדיקן װאָגן און שפּאַרט אונטער. טרעפט זיך אַ װאַסערל, שפּרינגט ער אַרױף מיט אײן פוס אױף אַ שפּיץ פון פעדערשטן אַקס, גיט דעם פערד קוראַזש — אַ פּאָר גוטע בײטשן. הײ, הײ, װיאָ, װיאָ... און כאַפּט זיך אַריבער...

נאָך סוכּות בין איך צו אַ נײעם תּלמוד־תּורה־מלמד אָנ־געקומען, װעלכער האָט געקנעלט אױפן שול־הױף אין דעם אונטערשטן שטיבל פון אַלטן בית־המדרש. אױף דער נאַכט זײנען מיר נאָך ניט געזעסן, דאָס איז געװען אַ היפּשער מהלך פון אונז, העט אַ דורך דעם גאַנצן מאַרק, און דורך מאירס גאַס, אין דער בלאָטע האָט מען געקאָנט אַ קדוש װערן... אַז עס פלעגט עטװאָס צוטריקענען, כאַפּן אַ פרעסטל, פלעגט דער טאַטע זיך אַריבערקומען, אָדער פאָרנדיק מיט דער פור, אַראָפּכאַפּן זיך און אונז ברענגען אַהײם.

ווען איך בין פאַרנאַכט אַהיים געקומען, האָב איך נעבן שטוב אין דעם גרויען צווישן־טאָג־און־נאַכט באַמערקט אַ קליין, מאָגער, געפּלעקט לאָשאַקל. ער איז געווען אויף אַ שטריקל ביים האַלז צוגעבונדן צום סלופּ פון דער צעוואָרפע־

נער סוכּה. מיט אַ קורצע, רויטלעכע גזשיבקע ווי מיי־דלש־קליינע צעפּעלעך, אַקורצן עטוואָס באַוואַקסענעם ווידל, באַהאַלטן, איינגעטוליעט אונטער זיך. דער קאָפּ אַז אָפּגע־

לאָזן, ווי ער וואָלט דאָרטן אונטן עטוואָס געזוכט, צונויפֿגעקאָרטשעט און טרייסלט זיך אין גאַנצן, ווי אַ בלאַט... איך האָב אים גוט באַטראַכט, געדרייט, געגלעט, געפֿירט מיט דער האַנט איבער דעם נאַסן רוקן, געשלאָסן אין דער פֿינסטער קאַנטשאַפּט און אַריין אין שטוב...

אין שטוב איז שוין געווען שטאַרק טונקל, נאָר וועגן אָנצינדן אַ לאָמפּ, זעט אויס, האָט מען נאָך ניט געקלערט. די מאַמע איז געזעסן נעבן דער קאַלטער הרובע, געשיילט קאַרטאָפֿל אויף וועטשערע, געווען אין כּעס, געשוויגן און זיך געקרימט. צו זען זי איז געווען שווער; נאָר עס האָט זיך געפֿילט אין דעם שיילן, אַז זי איז אין כּעס. — אין דעם פֿאַרנעפּלטן שטילן בין־מנחה־למעריב האָט עפּעס אַ גרויעס — שווערעס אַרומגעשוועבט. דער טאַטע שווייגט, רעדט ניט אַ וואָרט, ווי ער וואָלט זיך פֿאַר ווּעמען פֿאַרבאַהאַלטן. דערנאָך זאָגט ער שטילערהייט אַשרי, שטעלט זיך שמונה־עשרה, פֿאַרקלערט זיך, און בלייבט אַזוי שטיין שטיל, פֿאַרגאַפֿט, ווי געלעמט, אַזוי אַז מ'קאָן זיך אין גאַנצן גאָר פֿאַרגעסן, אַז ער געפֿינט זיך אין שטוב.

מיר ווינקען זיך איבער צווישן זיך, כאַפּן אַ קוק אויף דער מאַמען, צום גאַס, אַ ווונק צום לאָשאַק, צוריק אויף דער מאַמען, און מאַכן אַ שווייג...

די מאַמע רעדט אויך גאָרניט, ווי זי וואָלט אַליין אין צימער געווען, אָדער זי האָט שטייף די ליפּן פֿאַרביסן, עס זאָל זיך פֿון מויל ניט יוואָס אַרויסרייסן, שיילט זי שנעל די קאַרטאָפֿל. עס הערט זיך נאָר אַ פּלייסיק שניידן מיטן מעסער, אַ פּלוסקע פֿון דער קאַרטאָפֿל אין טאָפּ וואַסער, און ווידער דאָס סיקען פֿון מעסער, שיילנדיק אַ נייע קאַרטאָפֿל. —

דער טאַטע איז פֿאַרזיכטיק, אויף שפּיץ פֿינגער, פֿון דער

מזרח־וואַנט אין מיטן שטוב אַריין שמונה־עשרה אויסגעגאַנ־
גען, ווי ער וואָלט מיט אַמאָל פון סופיט אין צימער אַריינ־
געפאַלן, און איז שטיין געבליבן. די מאַמע, ווי זי וואָלט פלו־
צים אים אין שטוב דערפילט, האָט זיך מער ניט געקאָנט
איינהאַלטן, און ווי זי וואָלט אין דער שטילער פינסטערקייט
עפּעס אַריינגענאָסן:

— „אַ מציאה געפאַקט — זייַנע מסחרים, ס'האָט געפעלט
נאָך אַ פגירה אין שטאַל, האָט שוין לאַנג מיט מרדכי מאַנטל
קיין געשעפטן געהאַט. ווער פאַרעסן דאָס פערד מיט דער
בהמה".

און ווידער איז שטיל...

דער טאַטע האָט ניט באַלד געענטפערט, שטילערהייט
געזאָגט „עלינו", ווי ער וואָלט זיך איבערלייגט וואָס זאָל ער
זאָגן, און אפשר האָט ער געמיינט גלאַט פאַררייבן דאָס מיט
שווייַגן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ווייך, פאַרזיכטיק:

— דו ווייסט דאָך ניט וואָס פאַר אַ פערד דאָס וועט
זיין, באַטראַכט נאָר די קנעכל, די ברוסט — נו, איך קאָן ניט.
איך ווייס אַליין ניט, איך האָב אים אין מאַרק דערזען בין
איך אַ פאַרקאָכטער געוואָרן. וואָס האַרט דיר: זאָל ער זיך
וואַלגערן, אויף קעסט וועט מען אים ניט אָנדינגען, די
שעפלען, וואָס דיין בהמה די יחסנטע שטעלט אָפּ — מ'וואַרפט
אַרויס און מ'האָדעוועט אַ וועלט מיט חזירים — וועט פאַר
אים גענוג זיין...

מיר האָבן דעם טאַטנס חשבונות ניט פאַרשטאַנען, דער
מאַמען גאָרניט געוואָלט פאַרשטיין. אונז האָט די גאַנצע געשיכ־
טע עפּעס מאָדנע הנאה געטאָן. אַ קליין לאָשאַקל, אונזערס אַן
אייגנס — ביי אונז אין שטאַל, און אַזאַ שיינער — ווייס מיט
שוואַרץ. מיר האָבן זיך אַלע אויף דער באַנק, וואָס ביים

פענסטער, צעשטעלט, אַרויסגעקוקט דורך דער פאַרנעפּלטער שויב אין גאַס אַריין. עס איז שוין נאַכט, און אין דעם ,גרוי־ען נעפּל טרייסלט זיך אַ קליין, מאָגער, ליב נפשל. קלאַפּן מיר אונטער איינער דעם אַנדערן מיט דעם עלנבויגן, שמעלצן זיך שטילערהייט פאַר שמחה: זעסט ס׳ראַ קעפּעלע, ס׳ראַ דינינקע פּיסעלעך, און די אויגן אַזוי גרויס און גרוי...

דער טאַטע האָט פאַרבויגן דעם מעריב, און באַלד זיך גענומען מאַכן פאַר אים אַן אָרט אין שטאַל, משיג גבול געווען אַ ביסל דער בהמה, דעם פערד. און ער איז געבליבן אונזערס.

די מאַמע האָט נאָך אַביסל געברומט אונטערן נאָז, דערנאָך האָט זי אָפּגעווישט די ליפּן און געמאַכט אַ שווייג.

אַז ער איז געוואָרן אונזערער טאַקע אויף אַן אמת, האָט מען אָנגעהויבן קלערן, וואָס פאַר אַ נאָמען מ׳קאָן אים געבן. עפּעס אַ שיינעם, אַ פּאַסנדיקן נאָמען... יעדער האָט עפּעס אַנדערש פאָרגעלייגט — דער ברודער זעליג (ער האָט שוין געהאַלטן ביי חומש מיט רש״י) האָט אַרויסגעדרונגען, אַז אַזוי ווי ער, זאָל געזונט זיין, איז געפּלעקט, און לבן האַרמי האָט אָפּגענאַרט דעם ייִדן, יעקב אבינו, מיט געפּלעקטע, סערע, רויטע און ברוינע שאָף, איז דעריבער דאַרף מען אים אַ נאָמען געבן לבן האַרמי.

— לבן האַרמי! — האָבן אַלע אויפגעכאַפּט. — אָי, לבן האַרמי. אַ שיינער נאָמען טאַקע פון חומש — דעם טאַטן איז ער אויך געפעלן.——

— נו, פון מיינעטוועגן, זאָל זיין לבן האַרמי... — און איבערן גאַנצן פּנים האָט זיך אַ צופרידענער, לייכטער שמייכל צעגאָסן.

פון יענעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה לבן האַרמי.

לבן הארמי געגעסן, לבן הארמי געטרונקען, לבן הארמי — לבן הארמי.

— ווײ איז מיר, פון אין דערפרי שטײט לבן און א טרונק!

אַלע מינוט ברענגט מען אים עפּעס אַנדערש: דער אַ שטיקל ברויט, אַביסל געקעכטס, קרופּניק, באָרשטש, אַ שטיקל בײגל פון מיט־זיך. יעדער האָט אים געגלעט, געבאַרשט, געקעמט. און ער האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו אונז, אַז ער פלעגט עסן פון האַנט. פריִער שמעקן, באַטראַכטן, איבערקלויבן מיט די ליפּן, פלאָפּ... פלאָפּ... פלאָפּ... ווי ער וואָלט ווערעמדיקן אַרבעס געקליבן. דערנאָך אַ כאַפּ אַרײַן, פאַרזשמורעט מיט אײן אײגל, און ער קײט שוין...

מיר האָבן אים אַלע שטאַרק ליב געקראָגן: ווי אַ לײדיקע מינוט, האָט מען פאַרבראַכט אין שטאַל, זיך געשפּילט, געשמועסט מיט אים, ווי מיט אונזערס אַ גלײַכן. מיר זײַנען געוואָרן אַזוי צוגעבונדן צו אים, דער עיקר דער טאַטע. ער שטײט נאָר אויף אין דער פרי, גיט ער אַרײַן איבער די אויגן, און נאָך פאַר נעגל־וואַסער — ער איז שוין אין שטאַל.

אין גאַס האָט מען אָנגעהויבן פיל רײדן וועגן אים; לײַט האָבן געזאָגט, אַז בײַ אונז אין שטאַל וואַקסט אַן עשירות, אַ ק״ן רובלדיקער פערד... אַנדערע האָבן ניט פאַרגינען, געשאָלטן: „אַ מזל! געקויפט אַ פּגירה, פאַר אַ האַלבן רובל, און וועט אויסהאָדעווען מיט אַ גאָרניט — אַ שאָלעכטס פון אַ קאַרטאָפל, אַ לעפל קרופּניק — און עס וועט אויסוואַקסן אַ פאַרמעג מיט געלט!"

געזען האָט אים דעם גאַנצן ווינטער קײנער ניט. דער

טאַטע האָט אין שטאַל קיינעם ניט אַריינגעלאָזן, געהיטן דעם טויער, — אַריינגעגאַנגען און באַלד נאָך זיך צוגעמאַכט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַ צוג-ווינטל. נאָר עס האָט זיך געפילט, אַז דאָרט — אינעווייניק איז אַ טיפער סוד באַהאַלטן, וועלכער איז פאַר אונז אַזוי נאָנט און טייער. און ניט ווילנדיק פלעגט דער סוד דורך די ווענט פון שטאַל אַ דורכדרינגען און אין גאַס אַריין... און פאַרבייגייענדיק, פאַרקלענערט מען אומגערן דעם טראָט. מען הערט זיך צו צום שטאַל... ווער ווייס וואָס דאָרט, אויף יענער זייט, טוט זיך?...

אויף זומער איז ער שוין געווען אַ היפש פערדל. אַ שיינע אָנגעוואַקסענע גזשיבקע, און דער ווידל, עטוואָס געקרייזלט, דערלאַנגט אַזש ביז אונטער די קני... אַז מ'האָט אים דעם ערשטן מאָל אַרויסגעלאָזן אין דרויסן אין אַ וואַרעמען ליכטיקן פריילינגס-טאָג, איז געווען אַזאַ שמחה, פונקט ווי בעת רבקהלע האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן מיט די קליינע, קרומע פיסעלעך...

ער האָט געמאַכט אָנשטעלן, געשטיפט, פאַרריסן דעם עק און זיך געגעבן אַ צי אויס איבערן גאַס מיטן בויך צו דער ערד, אָט-אָט, מיינסטו, זעצט ער זיך... און אַוועק העט ווייט, ווייט... באַלד קומט ער צוריק, קוקט זיך אַרום, באַטראַכט אַלץ מיט אַ לייכטן און פרייען בליק, וואַרפט זיך איבער מיטן טאַטן מיט אַ ווונק, ווי ער וואָלט פרעגן: האַ? וואָס? מ'קאָן?... און זיך ווידער אַ לאָז געטאָן, געוואָרפן, געפוצט מיט דעם קעפעלע, פריי געהירזשעט, ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגן: קומט! זעט! ס'רא ליכטיקע וועלט אין דרויסן... אַזוי ליכטיק, לופטיק, זאַפטיק און פריי — פריי —.

דער טאַטע האָט געשמאָלצן, אַריינגעקלאַפּט אין פענסטער: „ביילע, ביילע! גיכער קוק נאָר אַרויס, וועסט הנאה

האָבן", און געשמייכלט, אַזוי ברייט עפּענענדיק דאָס מויל, און דאָס גאַנצע געזיכט האָט אים געשיינט פֿאַר פֿרייד.

קינד און קייט האָט לבֿן נאָך זיך אין גאַס אַרויסגערופֿן. אַלע זיבען אַרויס, זיין בייז וווּנדער זען. יעדער האָט עפּעס אַנדערש געזאָגט, געגעסן אים מיט די אויגן, און וואָס זיי

האָבן אין הארצן געוווּנטשן... האָט זיי געמעגט כאָטש די העלפט געשען...

בעלי־עגלות האָבן אים באַטראַכט, געמאָסטן מיטן אויג. זיך געמבינט, פּאָרוּיס געזאָגט. געפייפט און צוגעכוויאָשטשעט מיט די בייטשן...

און לבן, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן ערשט די גאַנצע וועלט איינשלינגען, אַלץ איז אים ווייניק. ווי ער וואָלט מיט אַמאָל פליגל באַקומען, און ער וויל פליִען, שוועבן, מיט די קאָפּיטעס די ערד נישט אנרירן

געענדיקט האָט זיך דאָס אַביסל קאָמיש און טרויעריק.

לויפנדיק, האָט ער מיט די ציין אַראָפּגעכאַפּט פון פעשע ביילעס פלייט אַ קליין קינדער־קישעלע, וועלכע זי האָט אויפגעהאַנגען צום טריקענען, געוואָרפן מיטן קאָפּ, הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ. באַלד איז אין קישעלע אַ לאָך געוואָרן, און די פעדערן האָבן זיך אַזוי לייכט און פריי איבערן גאַס צעטראָגן. האָבן אים איבערגעיאָגט, אין דער הויך צעלאָפן.

אין גאַס איז געוואָרן אַ טומל. פעשע ביילע ברעכט די הענט, מאַכט געוואַלטן און שעלט שטילערהייט... אין גאַס וויל מען אים פאַרהאַלטן, פאַרשטעלט מען אים דעם וועג, צעשפּרייט מען די פּאָלעס — טפּר, טפּר, טפּר, מ׳לאָזט אים פאַרן נאָז אַדורך — און מ׳האַלט זיך ביי די זייטן לאַכנדיק.

און אַז מ׳האָט זיך גוט אָנגעמאָרדעוועט, און ער האָט די גאַנצע פעדערן געהאַט אויסגעזייט — איז געלונגען אים אַריינצוקריגן אין שטאַל...

פון דעם טאָג איז ער ווי מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן, שוין כמעט אַ פערד...

די קינדער האָבן אָנגעהויבן זיין פּאָרזיכטיק: גיבן אַ שטיקל בייגל, קוקן אים גלייך אין די אויגן און כאַפּן באַלד צו די האַנט. דער טאַטע האָט אים אָנגעטאָן אַ ציימל, וואָס ער האָט אַליין אויפגעניייט פון אַלטע לאַבּעדריקעס, און אָנגעהויבן פירן אים צום ברונעם אָנטרינקען, ווי ער וואָלט זאָגן: איך האָב שוין מער קיין כח נישט צו שלעפּן וואַסער פאַר דיר אין שטאַל, דו ביסט ניט קליין אַליין אַדורכשפּאַצירן זיך צום ברונעם... און לבן פלעגט פאַררייסן דעם קאָפּ, זיך אַרומקוקן אין אַלע זייטן, באַטראַכטן וואָס אַרום טוט זיך, זיך געבן אַ שטעל דיבאָם: אויף די פּאָר הינטערשטע פיס, ווי ער וואָלט געקלערט, אַ נו... אויף טשיקאַוואָשטש, ווער איז העכער? דערנאָך גראָבט ער מיט אַ פאָדערשטע פוס די ערד, וואָס אַרום ברונעם, שפּריצט אַרויף אַ קליינע פאַרגרינטע לוזשקע, וועלכע טריקנט קיינמאָל ניט אויס, פאַרשפּריצט דעם טאַטן פון קאָפּ ביז די פיס. טרינקענדיק, גריזשעט ער דעם עמער, די דושקע, מיט די ווייסע און שטאַרקע ציין, גיט אים אַ הייב אויף אין דער הויך, אַ טרייסל אין דער לופט און אַ וואָרף אַ הין אַזש אויף יענער זייט ברונעם, אַז עס בלייבן פון אים נאָר די קלעפּקעס.

דער טאַטע, אַז ער קומט אין שטוב, נאָך דעם ווי ער האָט לבנען אין שטאַל געבראַכט, אויף זיין אָרט צוגעבונדן, ווישט ער אַרום מיטן האַנטוך דעם פּנים, די זאַכן און קאָן זיך ניט איינהאַלטן, דערציילט מיט פאַרגעניגן:

— דו ווייסט, לבן האָט אויסגעטרונקען אַ גאַנצן עמער און נאָך אַביסל.

— „זאָל אים זיין צו געזונט״,—ענדיקט די מאַמע.

פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרן גרעסער, שטאַרקער און שענער.

אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן פיל ריידן וועגן אים. מבינים האָבן געזאָגט, אַז ער וועט אַריין אין די גדולות. אַ לאַנגער שלאַנקער קערפּער — אַ שיף־פאָרמיקער רוקן, הויכע און צאַרטע פיס. געווען שטיפעריש, ריירעווודיק, אומגעדולדיק און פול מיט לעבן. ווערוועלע יצחקס האָט פאָרויס געזאָגט ווי לאַנג און ווי הויך ער וועט אויסוואַקסן, אפילו וואָס פאַר אַ טראָט ער וועט האָבן, און מיט וואָס פאַר אַ נאָמען די פּריצים רופן אַזאַ האַלז, אַזאַ קעפּעלע. דאָס איז אַ פּריצים־פערד...

איינמאָל אין אַ שיינעם ליכטיקן נאָך־שבועות־פרימאָרגן, איז צו אונזער שטוב צוגעפאָרן דער אַלטער גראַף. אַ גרייז גרויער אַלטער מיט ווייסע באַקן־בערד — אַ גרויסער ליבהאָבער פון פערד. און זיצנדיק אויף דער בריטשקע האָט ער דעם טאַטן פון שטוב אַרויסגערופן: איך האָב געהערט, — זאָגט ער — אַז דו האָסט אַ גוט פערד, וויל איך אַ קוק טאָן...

ניט געיילט, מיט קליינע לאַנגזאַמע טריט איז דער טאַטע צום שטאַל אַוועק. ווי ער וואָלט זיך איבערלייגט: וואָס? ווייזן אים? — און אפשר ניט...

אָדער גלאַט, ער איילט זיך ניט: איך האָב צייט, אַז דו ווילסט קאָנסטו צוּוואַרטן. נישקשה, מ'מעג אויף אים וואַרטן אַביסל. ער האָט ברייט געעפנט דעם טויער, גענומען לבנען מיט ביידע הענט און אַרויסגעפירט אויפן הויף...

דער גראַף איז פון בריטשקע אַראָפּגעשפּרונגען, אים אַנטקעגן געלאָפן, האָט מיט דער האַנט פון אויבן אַראָפּ איבער דער פּלייצע אַדורכגעפירט, מיט ביידע הענט דעם עק אַ ציַ געטאָן, דערנאָך דאָס קעפּעלע באַטראַכט, אין די אויגן

אריינגעקוקט, דעם האַלז אַרומגענומען און ליבלעך געגלעט, געפּאַטשט.

דער טאַטע קוקט אים אָן, רויטלט זיך.

דער גראַף איז פון לבנען אַביסל אָפּגעגאַנגען, ווי ער וואָלט זיך וועלן אין אים איינשפּיגלען, איז צוריק צוגעקומען,

אנטציקט געדרייט מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך געווענ־
דעט צום טאַטן:

— ווילסט אים אפשר פאַרקויפן? קאָן איך דיר אָפּציילן
פאַר אים צוויי קאַטערינעס.

ער האָט דעם טאַטן טיף אָנגעקוקט און איז געבליבן
וואַרטן...

דער טאַטע איז געוואָרן צעטומלט, בלייך, די הענט
האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן, אַז ער האָט קוים דאָס ציימל
איינגעהאַלטן — דאָס וואָרט צוויי קאַטערינעס האָט אים
איבעררראַשט, פון די געדאַנקען אַראָפּגעשלאָגן.

לבן איז צעשראָקן פון דעם גרויסן עולם, וואָס האָט
זיך אַרומגעקליבן, הוידעט, רייסט זיך, קאַפּעט מיט די פיס,
שטעלט אָן די אויערן, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צוגע־
הערט. קוקט שטרענג און בייז אַרום זיך. —

דער טאַטע האָט זיך געמאַכט מוט, אויפגעהויבן דעם
קאָפּ, און ווי ער וואָלט פון דער ערד ווערטער אָנגעשעפּט,
האָט ער אַרויסגעזאָגט:

— ניין! איך וועל אים ניט פאַרקויפן, זאָל ער געזונט
זיין און זאָל ער זיך וואַלגערן. אָן אָרט און עסן וועט זיך
נאָך פאַר אים געפינען...

מיט אַמאָל איז ער אונז געוואָרן פיל טייערער — ליב
און נאָנט, ווי אַן אויג אין קאָפּ. דער טאַטע האָט אויפגע־
הערט נעבכטיקן אין שטוב, אויף גיך אָפּגעגעסן די וועטשערע
און אַוועק שלאָפן אין שטאַל, זיך פאַרריגלט פון אינעווייניק
מיט אַ ריגל, פאַרלייגט אַ שטאַרקע, אייזערנע קייט.

אויף בייטאָג, ווען ער דאַרף פון דער היים אָפּפאָרן,
האָט ער געקויפט אַ גרויסן ענגלישן שלאָס פאַר אַכט גילדן
און אים אויפגעהאָנגען אויף דער שטאַל, און באַלד נאָך

מיטאָג, ווי די זון הויבט נאָר אָן אראָפּצוּוועצן זיך, ציט אים שוין, ווערט ער אומרויִק און ער איילט זיך ביז פאַרנאַכט אַנצוצינדן אַהיים.

אויף ביינאַכט פאָרט ער פון שטוב ניט אַרויס, מ׳זאָל אים אַפילו אָפּגילטן. טאָמער קומט ווער דינגען די פור אויף ביינאַכט, דאַכט זיך אים, אַז דאָס איז אַן אָנגעשטעלטע זאַך, חברה ווילן אים פון דערהיים אַרויסנאַרן...

עסן פלעגט ער אים געבן אַליין. האָט קיינעם ניט צוגעלאָזן; די בעסטע גראַנדאָווע היי, אין דער פרי און אויף דערנאַכט; ביי טאָג אַ האַלבן טאָפּ האָבער מיט סיצקע — גוט אַדורכגעמישט, פאַרזיכטיק דורך די פינגער אַדורכגעזיפּט — עס זאָל זיך דאָרט וואָס ניט געפונען, צו דער צייט און דער מינוט, ווי אַ טייערן חולה די רפואות...

אויף איבער אַ יאָר נאָך פּסח האָט מען אָנגעהויבן לערנען לבנען אין שפּאַן. עס איז ביי אונז געווען אַזאַ שמחה, ווי ס׳וואָלט אַ יינגל אַ בר-מצוה געוואָרן.

בעל-עגלות פון שטעטל זיינען צונויפגעקומען, געהאָלפן אים אָנטאָן, איינשפּאַנען, געלערנט, געוויזן, געעצהט, נאָר ניט געשלאָגן, עס הויבט זיך ניט די האַנט. לבנען שלאָגט מען ניט — געגלעט, געלאַשטשעט, געשמועסט, איינגערעדט. נאָכגעגעבן אַלע משוגעתן, קאַפּריזן — ווי אַ משוגען ציטעריק קינד, און אַז ער איז געווען איינגעשפּאַנט אין גרויסן בעל-עגלהשן וואָגן, געשטופּט, געדרייט זיך אין די אָלאָבלעס, האָט ער אַזוי מאָדנע אויסגעזען.

דעם גאַנצן זומער האָט מען אים געלערנט. אַמאָל, אַז אַ גוטער וועג, צוגעפּאָרן אין אַ דאָרף נאָך אַ בינטל היי, צו-

געשפּאַנט צום אָרטשיק, צו דער אַלטער שקאַפּע, ווי, להבדיל, מ׳נאַרט אַריין אַ קינד אין חדר אויף אַ שעה צוויי ביז מיטאָג, ביסלעכווייז געוויינט עס זיך איין, און עס גייט...

אַז עס איז געקומען צו ווינטער, אויף אַלץ איז געוואָרן אַזאַ יקרות, צוויי פערד האַלטן איז אוממעגלעך, האָט דער טאַטע ניט געוווסט וואָס צו טאָן. פאַרקויפן? — רייסט דאָס האַרץ, אַזאַ שיינהייט, און אַזוי פיל כּוחות אַריינגעלייגט אין דעם. לאָזן אים? ווי נעמט מען אַזעלכס אין גרויסן וואָגן אַריין: צו די בלאָטעס מיט די רעגנס...

דער סוף איז געווען, אַז מ׳האָט לבנען אָפּגעשטעלט. די אַלטע שקאַפּע האָט דער טאַטע פאַרקויפט פאַר צוועלף רובל. האָט פאַר די געלט אַרויפגעלייגט אויפן בוידעם צוויי גוטע פורן גראַנדאָווע היי — און אויף אַן אמת גענומען לבנען אין וואָגן אַריין. —

אַז דער טאַטע פלעגט זיך זעצן ערגעץ פאָרן מיט עמעצן, פלעגט אים באַלד באַפאַלן אַ חשק, יענער זאָל וויסן, מיט וואָס פאַר אַ פערד ער פאָרט.

— איר ווייסט? אָט דער העזל איז דאָך נאָך קיין דריי יאָר ניט אַלט; נאָך פאַראַיאָרן האָט מען מיר געוואָלט פאַר אים צוויי הונדערטער אָפּציילן, ווי איר זעט מיך אַ ייִדן, און ער זאָל מיר אַזוי געזונט זיין.

פון דער נאַטור איז לבן געווען אַ רויִקער, אָפּט אַ פאַר־קלערטער. שטעלט אָן די אויערן, פאַרגאַפּט זיך אויף עפּעס, ווי ער וואָלט זיך וועלן אָן וואָס דערמאָנען...

אַ גלייכער און אַ לאַנגער טראָט, איין פוס אין דעם אַנ־דערן, נעמט ער פון אָרט גלייך. האָט קיינמאָל ניט גענומען

אָן אַ זייט, נישט אַרויס פון קאַליע, נישט געמאַכט קיין העויות, קונצן; נישט געוווּסט פון רייסן, קאָפּען, ברעכן, איז געגאַנגען, ווי אַן אַלט פערד, נאָר אַ קאַפּריזנער, אַ האָנאָראָ־ווער, ער לאָזט זיינס ניט אַדורך... אַ הויך וואָרט, אַהאַ, סטאָפּ! — ער שטייט שוין, רירט זיך ניט פון אָרט, כאָטש ברען אים. ביז מען מוז אַראָפּ פון וואָגן, אים אַ גלעט טאָן, איינריידן, איבערבעטן, צולאַשטשען אים, ערשט דעמאָלט גייט ער אַוועק, כאַפּט יעדעס מאָל אַ קוק אין וואָגן, ווי איי־נער זאָגט — זעסט! מיט גוטן מאַכט מען מער ווי מיט בייזן...

קיין בייטש האָט ער קיינמאָל ניט אָנגעזען. ער ווייס ניט דעם טעם דערפון. לבן האָט בטבע פיינט בייטשן... און איינשפּאַנען פלעגט אים מוזן שטענדיק דער טאַטע, קיין פרעמדן לאָזט ער ניט צו...

חברה האָבן אים געוואָלט אַמאָל אַריינגאַרן, האָט וועל־וועלע־יצחקס גענומען און אָנגעטאָן דעם טאַטנס לייבל, דאָס היטל, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, אָפּגעבראָכן אַ שטיק פון דער שבתדיקער חלה און צו אים צוגעגאַנגען — לבן האָט געגעסן, זיך צוגעכאַפּט צו דער חלה, זיך געלאָזן אָנטאָן דעם כאָמאָנט, די שלייעס, אַריינפירן אין די אָלאָבלעס און גע־נומען שפּאַנען...

אַז ער האָט געהאַט אויפגעגעסן די חלה, האָט ער זיך אומגעקוקט און באַמערקט, אַז דאָס איז אַ פרעמדער, האָט ער געגעבן אַ פאַרלייג די אויערן צו דער פּלייצע צו, פאַר־זשמורעט בייז די אויגן... אַ כאַפּ געטאָן מיט די שטאַרקע ציין פאַר איין אַרבל, אים אָפּגעפליקט — און אַ לויף אַרויס געגעבן פון שפּאַן...

צו חנוכה האָט אָנגעהויבן ווערן גליטשיק. נעמט דער טאַטע אַראָפּ אַ מאָס פֿון די קאָפּיטעס, באַשטעלט פּאָדקאָוועס אויף שרייפֿלעך, מ'זאָל ניט דאַרפֿן אַלע מאָל רייסן און טשוועקעס קלאַפּן, און אַוועק מיט אים צו בערלען אין קוזניע אים אָפּשמידן...

איז זיך מיישב לבן, און לאָזט זיך ניט צורירן. אַ פּוס, זאָגט ער, איז אַ פּוס און שמידן לאָז איך זיך ניט. ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן. כאַפּט זיך בייסן, רייסט זיך, כראַפּעט, זעצט מיט די פיס. און ווען עס געלונגט זיי שוין אים אָנ־כאַפּן ביי אַ פּוס, און דער טאַטע מיט בערלען נעמען זיך שטאַרק אָן מיט אַלע הענט אַרום אים, — הויבט ער אָן לאַנג־זאַם צו פירן מיט דעם פּוס הין און צוריק, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס פּאַנאַנדערטרייסלען; דער טאַטע מיט בערלען לאָזן ניט אָפּ, האַלטן שטאַרק און לויפן נאָך מיט דעם פּוס, ביז ער גיט מיט אַמאָל אַ צי, אַ רייס אַרויס, און ער בלייבט אומגעשמידט. —

ווען עס קומט מ'דאַרף אים איינשפּאַנען, ווערט עפּעס אַזוי שווער. דאָס האַרץ הויבט אָן צו דריקן אַן אומדייטלעכע שרעק, אַן אומעט. עס ציטערן די הענט, אַז מ'קאָן די אוזוועס ניט פּאַרלייגן, און שוויגנדיק קוקט מען זיך איבער צווישן זיך, און אַלע מיט לבנען, ווי מ'וואָלט פרעגן איינער דעם צווייטן: האַ... וואָס? פאָרן?...

און ביז דער טאַטע קומט פון וועג, גייען די כּוחות אוים; מען שטעלט זיך פאַר שרעקלעכע בילדער, עס כאַפּט אַ ציטער: גאָט ווייס, וואָס דאָרט האָט זיך געמאַכט אין וועג. מ'שטעלט זיך אין פענסטער, מ'כאַפּט זיך אַרויס פאַר דער טיר אין גאַס אַריין, פון וואַנען ער דאַרף אָנקומען; מ'הערט זיך צו אין גאַס, טאָמער סודעט זיך ווער,

דערציילט פֿון עפּעס — יעדע מינוט איז אַ יאָר...

דערנאָך האָט מען זיך צוגעוויינט, און לבן גייט ניט געשמידט בעסער, ווי אַנדערע פערד געשמידט. פאַרקערט, עס טוט נאָך הנאָה: קיין עין הרע אַ פערד אַ גבור, אַ שטאַר־קער טראָט — מ'דאַרף אים גאָרניט שמידן.

אַז דער טאַטע איז אויפגערוימט, באַרימט ער זיך: איר ווייסט? לבנס פוס האָט דאָך נאָך קיין פּאָדקאָווע ניט פאַרזוכט...

דעם ווינטער בין איך שוין אָנגעקומען צום קאַרגן מלמד, דער גרעסטער מלמד אין תלמוד־תורה; געלערנט אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. און אין דער היים האָב איך שוין געקאָנט גוט פאָרן מיט דער פור, געוווּסט און נאָכגעגעבן לבנען אַלע זיינע משוגעתן, געריטן אויף אים, אונטערשפּריי־טנדיק דאָס וואַטאָווע פוטערל, צוגעפירט אים צום וואָגן אָדער צו אַ פּלויט, זיך אַרויפגעכאַפּט און זיך שטאַרק אָנגע־האַלטן אין דער גזשיבע, אָדער אַרומגעהאַלזט אים מיט ביי־דע הענט, זיך אויסציִענדיק אינגאַנצן אויף זיין קאַרק...

געלערנט זיך איינשפּאַנען, אַרומגעדרייט די אַסיפּאַנע אַרום האַנט, פאַרריסן דעם פוס צום כאָמאָנט, זיך איבערגע־קערט. אויפגעשטאַנען און גענומען פון דאָס ניי.

און זיצנדיק אין חדר איז ער מיר ניט אַרויס פון די געדאַנקען: אָט שטייט ער מיר פאַר די אויגן מיט דער ליסע־נע אויפן פנים, מיט דעם גרויסן ווייסן פלעק אויפן בויך, אויף דער פעדערשטער רעכטער לאָפּיטקע, דער לאַנגער שיפּפאָרמיקער רוקן, די געטאָקטע טעלער־פאָרמיקע קאָפּיטעס, דאָס קליינע לעבעדיק־רירעוודיק קעפּל, דאָס אַלץ טומלט,

מישט מיר די געדאַנקען; רייסט מיך אוועק פון לערנען. איך פאַרגעס ווו מ'האַלט, איך בין דאָ ניטאָ, איך בין ווייט פון דאַנען, פון דער גמרא, פון רבין. ערגעץ דאָרט!... אין שטאַל נעבן לבנען, ביים וואָגן מיט דעם געשפּאַן...

צוויי וואָכן פאַר פּסח האָב איך אויפגעהערט צו גיין אין חדר, נאָך שבועות האָב איך געדאַרפט ווערן בר-מצוה, און אויף נאָך פּסח האָט זיך דער טאַטע געקליבן מיך אָפּ-געבן צו א סטאָליאַר...

צוזאַמען מיטן טאַטן בין איך געפאָרן אויף די יאַז-דעס, אָנגעטריבן, געהאַלטן די לייצעס. וויאָ, לבן הארמי! און לבן גייט, פאָלגט ווי א גרויסן מענטשן. אז דו ווילסט איך זאָל גיין, נו זאָל זיין אַזוי, מיר איז אַלץ איינס.

פאַר יום-טוב האָט דער טאַטע געהאַט א סך אַרבעט און גוט פאַרדינט, האָט ער פאַר זיך א פּאָר שטיוול באַשטעלט,׳ די קינדער קאָרטענע גאַרניטערלעך און היטעלעך; די מאַמע איז געווען שטאַרק פאַרטאָן אין שטוב, געוואַשן, געררימט אויף יום-טוב; דער טיש מיט די בענק זיינען אויף דער גאַס געלעגן. די שטוב פריש אויסגעקאַלכט, שטאַרק אָנגעבלויט; אויף דעם פּאָל, פון וועלכן מ'האָט ערשט פאַר א גאַנץ יאָר די בלאָטע אָפּגעקראַצט, איז געלעגן א באַרג צעמיאַטעטע שטרוי פון וואָגן, אויף וועלכע די קינדער האָבן זיך געוואַל-גערט, קאָזילקעס געמאַכט. געגעסן האָט מען נעבן טיר אויף דער דייזשע. ווייטער האָט מען מיט דעם חמץ ניט געשמעקט...

— דו ווייסט וואָס? — זאָגט צו מיר דער טאַטע (ער פלעגט זיך שוין מיט מיר עצהנען, געהאַלטן פאַר א גאַנצן בר דעת) — מ'דאַרף לבנען אויף יום-טוב אַביסל אויספּוצן,

זאָל ער אויך וויסן פון אַ יום־טוב. מ׳דאַרף אים, זאָגט ער, די קאָפּיטעס אַרומרייניקן, זיי האָבן דאָך קיין פּנים ניט — זעען אויס ווי צעגאָסענע פּאַמפּישקעס... אַ וווּנדער: אַ פערד ווייס ניט וואָס אַ פּאַדקאָווע איז.

מיר האָט אין האַרצן באַלד אַ טיאָכקע געטאָן, ווי עס וואָלט זיך דאָרטן עפּעס אָפּגעריסן. גאָט ווייס, וואָס מ׳קאָן זיך אָנמאַכן, אים אויספּוצן, ער זעט אויס דעם פאַר־יום־טוב אַזוי שיין, מ׳האָט זיך שוין די צינגער פון אַקן אויסגערעדט... ל׳ייט האָבן אַזעלכע גרויסע אויגן.

צוריק האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט: לבן! מיט דער ל׳יסענע אויף דעם פּנים, וועט זיין אויף יום־טוב ריין אויס־געבאַרשט, צוגעגלייכט דעם ווייד׳ל, די גזשיבע פאַרפלאָכטן אין צעפּעלעך מיט רויט־בלויע סטענגעס, די קאָפּיטעס אַרומגע־שניצט, אַרומגעפיילט, רונד, ווי געטאָקט...

און יום־טוב נאָכן עסן. אין דרויסן וועט וואַרעמען די פּסחדיקע זון. די לופט איז פריש, זאַפטיק און אָטעמט מיט פרילינג, די גאַסן זיינען טרוקן, ריין אויסגעקערט, אויסגע־שאָטן מיט געלן זאַמד, קינדער שפּילן זיך, לויפן אַרום אין די נייע יום־טוב־גאַרניטערלעך, און איך וועל גיין אין נייעם גאַרניטור, אין קעשענע אַ ביסל זאַלץ... וועל זיך מאַכן ניט וויסנדיק, ווי איך מיין גאָרניט, אַריינגעגנבעט זיך אין שטאַל, פאָוואָלינקע אָפּגעבונדן לבנען, גענומען אים פאַרן ציימל, מיט איין האַנט פאַר דער מאָרדע און אַ פיר אַרויס אין דרויסן, דורך דער גאַנצער גאַס, אומישנע צו אברהמקע דעם מיל־נערס ברונעם אים אָנצוטרינקען, נאַט! קוקט...

לבן וועט זיך צוכאַפּן צום טרינקען, איין עמער, אַ צווייטן.

ער הערט אויף, רוט זיך אָפּ, קוקט זיך אַרום, באַ־

טראַכט די גאַס, די קינדער, וואָס זײַנען אָנגעלאָפן, זײַעט אַדורך דאָס וואַסער מיט די ווײַסע שטאַרקע און יונגע ציין — שאָקלט צו מיט איין אויער, פאַרקלערט זיך און נעמט ווידער טרינקען.

איך וועל אים גלעטן, פירן איבער אים מיט דער האַנט, זאָלן אַלע זען, אַז איך האָב קיין מורא ניט, צופייפן, רעדן צו אים — און פירן אים צוריק פאַרזיכטיק, ער זאָל מיר דעם נייעם גאַרניטור ניט פאַרסלינען, און אַז ער וועט אַ הוסט געבן, וועל איך זאָגן: אַ געזונט אין דיר, אַ קראַכט אין דײַנע ביינער...

אַ טאָג פאַר ערב־פּסח פאַרנאַכט. דער טאַטע איז פון וועג געקומען, האָט אויסגעשפּאַנט, אַוועקגעשטעלט דעם וואָגן אויף זײַן אָרט, אויפגעהאַנגען דעם כאָמאָנט, די שלייעס אין שטאַל אויפן פלעקל, וואָס איז אַרײַנגעקלאַפּט אין וואַנט, געגעבן אַ ווונק אויף מיר, און מיר זײַנען אַוועק מיט לבנען צו בערלען אין קוזניע...

פריִער האָט ער געפּרוווט מיט גוטן, געגלעט, געלאַשטשעט, גערעכנט: אפשר האָט ער פאַרגעסן אָן משוגעת און וועט געבן אַ פוס. — דערנאָך האָט ער גענומען אַ פּאַסטראָנעק, אים דורכגענומען דורכן מויל איבערן קאָפּ, שטייף צוגעבונדן, און איבערגעדרייט עטלעכע מאָל מיט אַ פלעקל, דאָס גאַנצע מויל איז געוואָרן צוזאַמענגעדריקט, אין די ווינקלען האָט זיך בלוט באַוויזן, און ער שטייט, רירט זיך ניט, ווי ניט אים מיינט מען, ווי ער וואָלט דאָ גאָרניט געווען, אָדער ער וואָלט זאָגן: אַז איך זאָג ניין — וועט שוין זײַן ניין. קאָנט איר מיר אפילו געבן מיט עפּעס איבערן קאָפּ, איך וועל קיין פוס ניט געבן...

דערנאָך האָט מען אים אַריינגענומען אין אַ סטאַנאָק פון פיר שטאַרקע סלופּעס, פאַרצוימט אים מיט פּלעקלעך, וועלכע זיינען צוגעמאַכט צום סטאַנאָק, הויך, שטייף פאַר־ריסן דעם קאָפּ און פעסט איינגעבונדן. ער האָט צעשראָקן פאַרוווּנדערט געקוקט, זיך איינגעהערט, שטייף אָנגעשטעלט די אויערן, ווי ער וואָלט פרעגן: וואָס וועט דאָ זיין? פאַר־וואָס מוטשעט מען מיך אַזוי?...

מ'האָט פאַרוואָרפן אַ פּעטלע אויף אַ הינטערשטן פוס, אַריבערגענומען איר איבער אַ פּלעקל און גענומען רייניקן...

לבן האט זיך צוגעהערט צום קראַצן פון דעם שאָב־מעסער, פון דער פייל; אָנגעשטרענגט אומגעדרייט דעם קאָפּ, פאַרקרימט די אויגן, ביז די רויטקייט, וואָס אין די ווינקלען, און בייז אָנגעקוקט...

פּלוצים האָט ער זיך אַ שטאַרקן ריס געגעבן, אַ שפּרונג געטאָן, אַ זעץ מיט די פיס אין סטאַנאָק, אַ מגושמדיקער קלאַפּ, אויסגעמישט מיט אַ ווילד רעווערײַ — אַלע זיינען פון שרעק אָפּגעשפּרונגען און אַנידערגעפאַלן.

אַז מ'איז צו זיך געקומען, האָט מען געזען: לבן איז געזעסן, ווי אַ הונט אויף די הינטערשטע פיס, זיך געשטיקט אויף דעם שטריק, געכאָרכלט און אַרויסגעשטעקט דעם צונג. באַלד האָט אים ווער מיט אַ האַק די שטריק איבער־געשניטן — ער האָט אָפּגעטעטענט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און אין דער רעכטער זייט צום בויך פאַרדרייט; איז געבליבן זיצן ווי פריִער, האָט זיך ניט גערירט פון אָרט — — —

דער רעכטער הינטערשטער פוס איז געווען אויבן איבער דער קני איבערגעבראָכן.

אַז דער טאַטע איז עטוואָס צו זיך געקומען, איז ער צוגעלאָפן, גענומען דעם פוס אין האַנט, באַטראַכט, שטייף

געקריצט מיט די ציין, געקוקט אויף לבנען, לבן אויף אים.

דער טאטע האָט אַ וואָרף געגעבן די צוואַנג, וואָס ער האָט ז׳ ביז אַהער פאַרגעסן פון האַנט אַרויסלאָזן, זיך גע־כאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, ווי עס וואָלט אים ווער אומגעריכט פון הינטן מיט עפּעס דעם קאָפּ געפּלעט.

בערל דער שמיד האָט זיך קוים אויפגעשטעלט. איז גע־בליבן שטיין פון דער ווייטנס, האָט ניט געקאָנט זיך פון אָרט רירן, געטרייסלט זיך ווי אַ בלאַט, ווי עס וואָלט אויף אים אַ קדחות אָנגעפאַלן...

און איך האָב אים געגלעט, געהאַלזט, געקושט, געוויינט —

לבן... לבן הארמי...

. . . .

אין דער מינוט איז די ידיעה דורך דער גאַנצער גאַס אדורך:

לבן הארמי האָט אַ פוס אויסגעבראָכן...

אַלע האָבן אויף אונזער שטוב געקוקט, ווי דאָרט וואָלט אַ טייערער, דער טייערסטער טויטער געלעגן...

אַרום קוזניע האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל צונויפגע־קליבן, אַ גוט אויג, בייזע מיילער האָבן אים אויפגעגעסן...

אין דרויסן האָט מיט פרילינג געשמעקט. אַ וואונדער־שיינע ערב־פּסחדיקע אויסגעשטערנטע קילע נאכט; אַ גרויסע פרישע נייגעבוירענע ערב־יום־טובדיקע לבנה איז איבער בלויע, ריינע אויסגעצוואָגענע הימלען געשווימען.

די ערב־פּסחדיקע מידקייט האָט די גאַס אין אירע

אָרעמס אַריינגענומען און זי איינגעשלעפּערט. די פּייערלעך האָבן אָנגעהויבן באַלד נאָך בעור־המץ אויסלעשן, און די קלאָרע גרויסע לבנה האָט זיך אין שטומע, שוואַרצע שויבן געשפּיגלט...

ביי אונז האָט נאָך אַ קליין לעמפּעלע געברענט. דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען אויף דער ערד געזעסן און געשוויגן. די קינדער זיינען אָן וועטשערע אויף דעם שטרוי איינגעשלאָפן...

איך בין פאַרן טיר געשטאַנען, געציטערט פון דעם פרישן קילן פרילינגס־אָוונט, זיך צו דער וואַנט געטוליעט, און געוואַרט ביז מ'וועט „אים" אַדורכפירן...

באַלד האָט זיך אַן איינגעגעסענע סקריפּעריי פון אַ לאַנג ניט געשמירטן וואָגן דערהערט. דערנאָך האָט זיך פון יענער זייט קרעטשמע ליטמאַנס ווייסער פערד געוויזן, נאָך אים אַ קליין וועגעלע אָן לייטערס, און אויף דעם וועגעלע איז לבן געלעגן אויף אַ זייט, שטאַרק מיט שטריק אָנגעבינדן...

אָט זיינען זיי פאַר דער שטוב. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן דאָס פאָרן דערהערט און האָבן זיך אין פענ־סטער געשטעלט...

לבן האָט זיך פון וואָגן געריסן, צום שטוב זיך געצויגן, געוואָרפן מיטן קאָפּ, געהירזשעט, גערופן. און ווען ער האָט געזען, אַז מ'פאָרט ווייטער, האָט ער דעם קאָפּ צו אונז אויסגעדרייט, פאַרוווּנדערט אויף דער שטוב געקוקט, און זיך ווי געבעטן: פאַר וואָס לאָזט איר מיך אַליין? קומט צרויס! וואָס זיצט איר אין שטוב?

לאַנג, לאַנג האָב איך אים נאָכגעקוקט.

אָט האָבן זיי זיך אונטערן גלחס שטוב צו דער לאָנקע

פאַרקערט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך חאָב דעם לעצטן בליק זיינעם געזען:

— בלייבט געזונט, לעבט גליקלעך...

און באַלד איז ער פאַרשווּנדן פון אויג...



פארלאג „קולטור-ליגע״ ווארשע.

דער נסתר

מעשהלעך אין פערזן

1. אַ מעשה מיט אַ בער. 2. אַ חורבה. 3. דאָס קעצל.
4. ווינטער. 5. דאָס ציגעלע. 6. דאָס הינטל.
7. אַ מעשה מיט אַ האָז. 8. שרעטעלעך.
9. מיזעלע מייזעלע. 10. דער שניי-באָק.
11. ביים טייך פרת. 12. אַ מעשה מיט אַ האָן.

קלאַסיקער-ביבליאָטעק פאַר יוגנט.

מענדעלי מוכר ספרים

מסעות בנימין השלישי

(פארקירצט פאר יוגנט).

מענדעלי מוכר ספרים

דאס קעלבל

מיט אילוסטראציעס פון יוסף טשייקאוו.

דער אלגעמיינער שמועס אין פאָלקס-שול

פארוואָרט פון ש. גילינסקי.

פאַרלאַג „קולטור־ליגע" ווארשע.

שול־ביבליאָטעק

ערשטע סעריע

אָריגינעלע ווערק:

.1	מענדעלי מו"ס	דאָס קעלבל.
.2	שלום עליכם .	דאָס מעסערל.
.3	י. ל. פרץ . .	קינדער־לידער.
.4	ש. פרוג . . .	דאָס שטייסל.
.5	מ. ז. פייערבערג	ביינאַכט.
.6	ח. נ. ביאַליק .	נח און מאַרינקע.
.7	ש. אַש . . .	יאָסעלע.
.8	אַ. רייזין . .	די פאַבריק. דער בוים.
.9	מ. סטאַווסקי .	לבן הארמי.
.10	א. ראובני . .	קינדער.

צווייטע סעריע

איבערזעצונגען.

פרייז **80** מארק

צענטראלער ביכער ראטער

[illegible]

[illegible]